# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

# אונזערע געווער

## פרשת שלח

## חלק א. דער שלאכט און די געווער

### דער וועג צו הצלחה

אין אנהייב פון דעם ספר מסילת ישרים שרייבט דער מחבר א שטארקער יסוד וואס דארף שטענדיג שטיין פאר אונזערע אויגן. ער זאגט דארט אז הטוב האמיתי, די אמת'ע גוטס וואס א מענטש קען קונה זיין אויף די וועלט, **הוא רק הדביקות בו יתברך**, איז נאר ווען ער איז באהאפטן צום באשעפער. אלזא, אויב האט איר זיך אמאל געוואונדערט וואס עס איז גוט, וואס עס איז די לויטערע גוטס, דארפט איר זיך מער נישט וואונדערן - דאס איז, זיך צו באהעפטן צום באשעפער.

למעשה, אויב זוכט איר וועגן ווי אזוי צו זיין באהאפטן צום באשעפער זענען דא פיל מעגליכקייטן אבער בעיקר מיינט דביקות, אז דיין מח זאל זיין פארבונדן צום באשעפער. און דערפאר זאגט דער מסילת ישרים, **האדם השלם** - דער מושלם'דיגער מענטש איז דער וואס **אשר יזכה** - וואס ער איז זוכה **לידבק בבוראו** - צו בלייבן שטענדיג פארבונדן מיט זיינע מחשבות צום באשעפער. דאס מיינט, אז סיי וואס דו ביסט קונה אין לעבן, וועט דיין אמת'ע הצלחה געמאסטן ווערן לויט וויפיל דו טוסט זיך איינגעוואוינען צו טראכטן פון באשעפער.

און דאך קען מען זען מענטשן וואס טוען אלעס אין לעבן אויסער דאס. גוטע מענטשן ווילן טון אסאך גוטע זאכן אבער ווען עס קומט צו די נושא פון טראכטן פון דעם בורא יתברך, ווערט דאס נישט געטון. און מ'קען זיי נישט דן זיין ווייל דער אמת איז אז דאס איז די שווערסטע פון אלע נסיונות. דאס זענען די ווערטער פון דעם מסילת ישרים; ער זאגט אונז אז מיר שלאגן זיך א מלחמה החזקה, א מעכטיגע מלחמה וואס איז **פנים ואחור** - עס טרעפט אונז פון פארנט און פון ארונטער.

### די מעכטיגע מלחמה

איר ווייסט, אין א מלחמה ווען א סאלדאט טרעפט זיך פנים אל פנים מיט א שונא און ער טוט אים בייקומען - ער שיסט אראפ זיין שונא און ער צווינגט אים צו אנטלויפן - ווייסט דער סאלדאט אז ער קען זיך נישט יעצט זעצן אפרוען. ווייל וואס טוט זיך הינטער אים? גלייך דארף ער זיך ארומדרייען און שטיין קעגן א צווייטן שונא.

דאס איז וואס דער לעבן איז. אויף אלע זייטן ווערן מיר אטאקירט דורך נסיונות וואס שלעפן אונז אוועק פון אונזער ציל - טויזנטער פארשידנארטיגע נסיונות באפאלן אונז פון אלע זייטן און דערפאר קענען מיר קיינמאל נישט נאכלאזן פון אונזער שמירה אויב ווילן מיר ארויסגיין זיגרייך פון דעם שווערן שלאכט.

דער אמת איז אז ס'איז נישטא אזא זאך ווי א שלאכט וואס איז נישט שווער; איר וועט קיינמאל נישט אנטרעפן א שלאכט וואס איז באקוועם. פרעגט יעדן סאלדאט און ער וועט אייך זאגן אז ווען פייַלן פליען, איז עס זייער אומבאקוועם. ווי א סאלדאט וועלכער האט פראבירט צו טאנצן צווישן פליענדע פיילן זיך צו פארהיטן פון געכאפט ווערן דערפון האט געזאגט, "הלואי איך זאל זיך קענען אומקערן צו דער גוטער אלטער אמעריקאנער מדבר; זיין פארלוירן אין א מדבר, ווייט אוועק פון ציוויליזאציע אן גארנישט צו עסן אדער טרינקען. דאס וואלט געווען א שוואוילטאג אין פארגלייך צו זיך געפינען דא." און דאס איז דערפאר ווייל יעדער שלאכט איז שווער.

אבער אויב דער מסילת ישרים זאגט אז ס'איז א שווערער שלאכט, מיינט עס אז דאס איז נישט נאר וואס די פיילן פליען, נאר עס קומט אראפ ווי האגל און עס איז זייער שווער זיי אויסצומיידן. די נסיונות זענען נאכאנאנד - עס איז שטענדיג דא עפעס וואס קלאפט דיר אראפ און האלט דיין קאפ פארנומען, אזוי אז דו ווערסט פארשלעפט פון דעם גרעסטן ווארענונג אין לעבן: **הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת ה׳ אֱלֹקֶיךָ** - היט זיך טאמער וועסטו פארגעסן פון דעם באשעפער.

### טראכטן בשעת'ן רעדן

איך וועל עס אייך שוין אויפווייזן. מאכט א פראבע - זאגט, "איך וויל געדענקען דעם באשעפער," און גייט אריבער צו א חבר און הייבט אן רעדן צו אים. איר וועט זען! אין יענע רגע וועט איר שוין פארגעסן פון באשעפער.

הגה"צ רבי נפתלי פון אמסטערדאם פלעגט זאגן אויף זיין רבי הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל אז, "ער האט נישט אוועקגענומען זיינע מחשבות פון עבודת ה', אפילו בשעת ער האט גערעדט מיט מענטשן". אלזא, אויב רבי נפתלי האט אויסגעוועלט די באצייכענונג צו ארויסברענגען די גרויסקייט פון זיין רבי, קענט איר זיכער זיין אז דאס ווערט פאררעכנט ווי זייער א גרויסע מדריגה צו וואס דער צדיק האט דערגרייכט - און איר קענט פונקט אזוי זיכער זיין אז עס איז נישט אנגעקומען אזוי גרינג. רבי ישראל האט זיך געדארפט אנגארטלען צו געווינען דעם שלאכט יעדע מאל וואס ער האט געעפנט זיין מויל ווייל אפילו נאר צו רעדן צו א חבר טוט דיר שוין פארטומלען פון דיין תפקיד אויף די וועלט.

אצינד לערנען מיר דא אפ אין אלגעמיין דאס בילד פונעם גרויסן שלאכט: צי וועסטו פארגעסן דיין ציל אין לעבן? אדער וועסטו בייקומען אלע שטערונגען און פארנומענע באשעפטיגונגען און נישט נאכלאזן פון טראכטן שטענדיג פון דעם באשעפער, נישט קיין חילוק וואס?

דאס איז דער נצחון; דאס איז דער טוב האמיתי, די ריכטיגע הצלחה - צו האלטן קאפ אויף וואס עס איז וויכטיג. און וואס איז וויכטיג? דער באשעפער! עבודת ה'! א מענטש וואס וויל לעבן מיט הצלחה ווייסט אז סיי וואספארא שוועריקייטן עס טרעפן אים אן, וועט זיין הצלחה זיין דאס אז טראץ אלעם האט ער געקענט האלטן קאפ אויף די אמת'ע ענינים אין לעבן.

### א מצוה געווער

אלזא, מיר דארפן וויסן אז דער באשעפער האט אונז נישט ארויסגעשיקט צו די וועלט זיך אנצוטרעפן מיט אזא שווערע מלחמה אן אונז צו באפאנצערן מיט מעכטיג וואפנס. און ווייל ער איז דער וואס האט געמאכט די מלחמה, קענט איר זיין זיכער אז ער ווייסט פונקטליך ווי אזוי צו האנדלען מיט די אלע פראבלעמען פון די מלחמה; און דערפאר קענסטו זיין רואיג אז ווען דער באשעפער האט דיר צוגעשטעלט די געווער, איז דאס די בעסטע וואס איז דא - קיין שום פאבריצירער פון מיליטערישע געצייג, אפילו 'לאקהיד מארטין' קענען דיר נישט צושטעלן אזעלכע ווירקזאמע וואפנס.

און וואס זענען די דאזיגע 'פונקט צוגעפאסטע' געווער פון וואס מיר רעדן? איר וועט אפשר זיין איבערראשט צו הערן אז דאס זענען די מצוות, די געבאטן פון באשעפער. אט דאס זענען די ספעציפיצירטע געווער מיט וואס דער באשעפער האט אונז באוואפנט.

אלזא, פון די אידן וועלכע זענען ליידער נישט קיין שומרי תורה ומצוות רעד איך יעצט אינגאנצן נישט - ס'איז א רחמנות אויף זיי ווייל אן מצוות זענען זיי אינגאנצן פארלוירן. זיי זענען ווי סאלדאטן וואס גייען ארויס אין שלאכט אן קיין געווער. דער סארט 'איך בין א איד אין מיין הארץ' איד וואס דריקט אויס

זיין אידישקייט דורך עסן קנישעס אדער געבן געלט צו די UJA איז א רחמנות - ער האט נישט קיין מעגליכקייט צו געווינען אויפ'ן שלאכטפעלד. קיינער קען נישט אפשלאגן דעם שונא מיט בייגלס און לאקס פיש!

אבער אפילו דער שומר תורה ומצוות וואס פארמאגט געווער, ער היט אלע מצוות, אבער אויב ווייסט ער נישט ווי אזוי עס צו ניצן געפינט ער זיך אויך אין א געפאר. מערסטנס ארטאדאקסישע אידן זענען ווי סאלדאטן וועמען מען האט צוגעשטעלט ווירקזאמע געווער זיך צו שלאגן דערמיט ביים שלאכט, אבער מ'האט זיי קיינמאל נישט אויסגעלערנט ווי אזוי עס צו ניצן. שטעלט זיך פאר א סאלדאט גייט ארויס, ער איז באוואפנט מיט דער מאדערנסטער ביקס, מיט האנט גראנאטן, מיט יעדן סארט סאפיסטיקירטער געווער וואס זענען אנגעהאנגען אויף אלע זייטן פון זיין קערפער, צוגעטשעפעט צו זיין פאסיק און ער גייט אריין אין צענטער פונעם שלאכט און ער ניצט נישט קיין איינע פון די געווער. דאס איז פונקטליך וואס פאסירט מיט מערסטנס שומרי תורה ומצוות. וואספארא נוצן האט מען פון א ביקס וואס קען אפווישן א גאנצע גווארדיע פון די פיינט מיט איין רונדע, אויב דו ציסט קיינמאל נישט דאס צינגל?!

## מיליטערישע טרענירונג

דאס פאסירט אפט אין די אומאנטוויקלטע לענדער. לאמיר זאגן, די שבטים פירער פון צענטראל אפריקע קויפן רוסישע געווער - זיי באצאלן גוט געלט דערפאר און טוען געשווינד אויסשטאפירן טייל פון זייערע ווילדע כוליגאנעס מיט די מאדערנע געווער. דער לאקאלער בירגער וואס האט זיך ביז יעצט אויסגעקענט נאר מיט א שפיז איז פלוצלינג אויסגעשטאט געווארן צום שלאכט מיט א ביקס. און וואס פאסירט? ער לויפט אריין אין א שלאכט און פראבירט צו שלאגן זיין פיינט איבער'ן קאפ מיט דעם ביקס. דאס פאסירט ווען מענטשן וואס באקומען גוטע געווער ווערן נישט טרענירט ווי אזוי צו מאכן נוצן דערמיט.

לאכט נישט ווייל מיר זענען אין פונקט דעם זעלבן שטאנד. מיר האבן באקומען אויסגעצייכנטע מיטלען פאר זעלבסט-באשיצונג; מיר זענען צוגעשטעלט געווארן זייער ווירקזאמע געווער, נאר מיר האבן קיינמאל נישט געלערנט ווי אזוי עס צו ניצן ריכטיג. מערסטנס פון אונז האבן קיינמאל נישט געלערנט ווי אזוי צו באהאנדלען אונזערע געווער, און דאס מיינט אז דאס איז א וויכטיגע נושא וואס איז ווערד אונזער אויפמערקזאמקייט דערצו. ווי אזוי קענען מיר אויפ'ן בעסטן אופן מאכן נוצן פון אט די מלחמה געווער - די מצוות - וואס ווערן אונז געגעבן דורך דעם בעסטן פאבריצירער פון מיליטערישע געצייג וואס די וועלט האט אמאל פארמאגט?

## די עדות געווער

אויב איר געדענקט, ביי דעם סדר פסח ביינאכט ווען דער חכם פרעגט פון זיין טאטן איבער די הלכות און פירונגען פון די תורה, זאגט ער אזוי: **"מה העדות** - וואס זענען די עדות, **והחוקים** - און די חוקים, **והמשפטים** - און די גערעכטיגקייטן וואס דער באשעפער האט אונז באפוילן?"

דא זעען מיר אז עס זענען דא דריי סארטן מצוות אין די תורה - עדות, חוקים און משפטים. אודאי זענען אלע דריי סארט מצוות וויכטיג אבער אצינד וועלן מיר רעדן איבער די ערשטע וואס מיר האבן דערמאנט, די עדות.

וואס מיינט עדות? אויף וואס קומען די מצוות עדות זאגן? דער ענטפער איז, אז פיל פון די מצוות זענען געגעבן געווארן אונז צו מאכן נאכאנאנד באוואוסטזיניג צו אונזער תפקיד אויף די וועלט דורך עדות זאגן אויף די השקפות וואס מיר דארפן כסדר האלטן אין קאפ. דער אמת איז, אויב לערנט איר ריכטיג איבער די מצוות, וועט איר איינזען אז מערסטנס פון זיי פארמאגן עפעס אן אפענער טעם וואס שטייט כמעט אלעמאל קלאר אין די תורה. דאס מיינט, אז אויב איר וועט לערנען ווי אזוי צו מאכן נוצן פון זיי וועט איר זיין אנגעגרייט זיי צו ניצן אלס געווער אין דעם גרויסן שלאכט.

## פסיכאלאגיע פון מצוות

מיר וועלן נעמען אפאר ביישפילן באלד, אבער ערשט לאמיר פארשטיין דעם אלגעמיינעם כלל פון וואס מיר רעדן יעצט: דער עיקר פון די מצוות איז נישט בלויז אז מיר זאלן דאס אויספירן! אודאי מוזן מיר עס טון אבער דאס איז נאר דער ערשטער שטאפל - די מצוות זענען בעיקר געגעבן געווארן מיט'ן ציל עס זאל ארבעטן אויף אונזער פסיכילאגיע; זיי זענען געגעבן געווארן צו ניצן אין אן אופן וואס וועט פארעמען די מוחות פון דאס אידישע פאלק.

די מצוות זענען עדיות; זיי טוען עדות זאגן אויף געוואלדיגע און וויכטיגע השקפות, און אונזער תפקיד איז, נישט בלויז צו טון די מצוות נאר צו מאכן נוצן דערפון עס זאל ערוועקן אונזערע מוחות. און ווען מ'וועט געוואוינט צו באהאנדלען די געווער, דאן וועט יעדע מצוה א ווערדפולע געצייג צו דערגרייכן צו א געוואלדיגע הצלחה. פון צווייטן זייט, אויב ניצט איר נישט די מצוות אין זייער ווירקזאמסטער אופן, גייט איר אריין אין א שווערן שלאכט אן קיין קריגס געווער וואס מ'דארף האבן כדי צו קענען געווינען.

ווי געוואלדיג וואלט געווען די השפעה אויף דאס אידישע פאלק אויב זיי וואלטן זיך ווידעראמאל ערוועקט און וואלטן פארשטאנען די אוצרות וואס ליגן אין די דאזיגע עדיות! עס וואלט געווען וואונדערבאר ווייל ווען א מענטש נעמט זיך אונטער צו ניצן די עדיות פון די תורה, דורכדעם ווערט ער אנגעגרייט צו שטיין קעגן די וועלט. ער איז דאן גרייט צום שלאכט וואס איז **'אליו פנים'** און ער איז גרייט און פעאיג, ווייל ער ווייסט אצינד ווי אזוי צו מאכן די בעסטע נוצן פון די געווער וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. דאס איז ווי אזוי דער איד קען לעבן אן אנגעפילטע לעבן און אויספירן זיין תכלית צוליב וועלכן ער איז באשאפן געווארן.

# חלק ב. געווער טרענירונג

## טעכנישע מצוות

איך וועל דערמאנען איין ביישפיל בלויז אלס אן אילוסטראציע. עס איז דא א הלכה אין די תורה אז ביי א אידישע הויז מוז זיין אויף די שוועל פון טיר א מזוזה - א אידישער הויז אייגנטומער איז פארפליכטעט מן התורה צו שרייבן אויף א שטיקל פארמעט די צוויי פרשיות פון קריאת שמע און עס ארויפשטעלן ביים שוועל פון טיר.

אלזא, ס'איז ריכטיג אז ווען א מענטש לייגט ארויף א מזוזה און דערנאך פארגעסט ער אינגאנצן דערפון האט ער מקיים געווען די הלכה פון די תורה - ער האט אויסגעפירט זיין פליכט און דער בית דין קען נישט אריינקומען און אים מוסר'ן אדער אפילו קריטיקירן. די תורה איז געגעבן געווארן צום כלל, צו אלע סארט אידן, און נישט יעדער האט די חכמה; נישט יעדער איז פעאיג צו טון מער ווי די יסודות'דיגע פארלאנגען און דערפאר, ווילאנג איינער היט אפ די מצוות פון די תורה, קען מען נישט אלעמאל ערווארטן פון אים צופיל מער.

אבער דער אמת איז, אז ארויפלייגן א מזוזה איז גאנץ א קליינע דערגרייכונג אין פארגלייך צו וואס א מזוזה דארף אייגנטליך דינען. און אויב א מענטש זינקט צום נידריגסטן שטאפל און איז צופרידן מיט טעכנישע קיום המצוות, דאן כאטש ער פירט טאקע אויס די מצוה קומט ער אבער נישט אן צום אמת'ן ציל פון די תורה. ער פארגעסט אז דער ציל פון די מצוה איז, אז עס זאל דינען ווי אן עדות - אונז צו מאכן טראכטן פון דעם אינהאלט פון די מזוזה.

## דער באדייט פון די מזוזה

אין די תורה שטייט, **וְשַׂמְתֶּם אֶת דְּבָרַי אֵלֶּה** - איר זאלט לייגן די דאזיגע רייד, **עַל לְבַבְכֶם** - אויף אייערע הערצער, **וְעַל נַפְשְׁכֶם** - און אויף אייערע זעלן... **וּכְתַבְתָּם עַל מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ** - און איר זאלט עס שרייבן אויף די שוועלן פון אייער הויז (דברים יא:כ). פון דעם פסוק לערנען מיר דעם טעם פארוואס מיר

לייגן מזוזות אויף אונזערע שוועלן - כדי צו לייגן אט די יסודות התורה וואס ווערן דערמאנט דערין אין אונזערע הערצער און אין אונזערע זעלן. אט זעען מיר אז די מזוזה איז געגעבן געווארן מיט א ציל - וואס דער באשעפער וויל איז, אז די דאזיגע מחשבות זאלן מיר אריינלייגן אין אונזערע קעפ.

די מזוזה דערמאנט אונז אין אלע צייטן, יעדע מאל מיר גייען אריין און ארויס, ווער מיר זענען. א איד שפאנט אריין אין זיין הויז, גייט ער נישט אריין אין א גוי'שע הויז. ער גייט אריין אין א הייליגע הויז און זיין אויפפירונג דארף זיין אנדערש ווי דעם גוי'ס. און ווען ער גייט ארויס דערמאנט אים די מזוזה, "אויפ'ן גאס ביסטו נאך אלץ א איד. דו טראגסט די תורה פון באשעפער אין דיין הארץ און ווי אימער דו גייסט."

## אנגעגארטלט צום שלאכט

אט איז א מענטש וואס קומט צוריק פון די ארבעט; ער קומט ארויף צו די טיר פון זיין היים און זיינע נערוון זענען אויסגעקוועטשט. אינעווייניג אין הויז האט זיין ווייב זיך אפגעגעבן מיט קליינע קינדער א גאנצן טאג און אירע נערוון זענען מער אויסגעדינט ווי זיינע. און אין איין מינוט וועלן זיי זיך צוזאמטרעפן. שטעלט ער זיך אפ ביי די מזוזה אויף א מינוט און טראכט, **'ה' אחד.'** אה! דאס איז א מענטש וואס ווייסט ווי אזוי צו ניצן א מזוזה! ער שפאנט אריין אין הויז מיט די מזוזה אין זיין קאפ און ער ראטעוועט די נאכט.

אויך זיין ווייב; בשעת זי גייט עפענען די טיר פאר אים גייט זי פארביי די מזוזה - ס'איז דא א מזוזה ביים שוועל פון קאך און זי קוקט דערויף און דערמאנט זיך פון איר ציל. און אזוי זענען יעצט ביידע פון זיי אנגעגארטלט. זיי האבן געווער פאר דעם גרויסן שלאכט, די מלחמה חזקה, צו געדענקען זייער ציל אויף די וועלט אין אלע צייטן.

איז עס נישט א מערקווירדיגע זאך אז מענטשן קענען לעבן זייער גאנץ לעבן אן צו איינזען וואס די מזוזה דערציילט? איז עס נישט א שאד ווען מיר גייען אריין און ארויס, אריין און ארויס א גאנצן טאג און מיר איגנארירן די געוואלדיגע געצייג? אפילו אויב דו זיצט אין דיין הויז, קענסטו מאכן נוצן פון דעם געווער. פון צייט צו צייט קוק אויף די מזוזה און גארטל זיך אן. ווען דו עסט, קוק אויף די מזוזה פאר א מינוט. דו זיצט אויף די קאנאפע, געב א בליק אויף די מזוזה. די מזוזה איז נישט פאר דעם שוועל - ס'איז פאר דיר! און ווי מער דו נעמסט עס פון די טיר און דו לייגסט עס אריין אין דיין קאפ, אלץ מער ביסטו ערפאלגרייך.

## עדות פון שבת

מיר וועלן נעמען נאך א ביישפיל - ס'איז נאכנישט אונזער נושא אבער מיר וועלן דערמיט פארשטעלן קלארער וואס דער ציל פון די מצוות עדיות זענען און ווי אזוי זיי דארפן געניצט ווערן.

שבת! אהה! שבת איז פול מיט עדיות. יעדע מלאכה וואס מיר טארן נישט טון איז אן עדות. יעדע מאל איר גייט פארביי א לעקטער קנעפל און איר צינדט עס נישט אן, דערמאנט איר זיך אז אום שבת האט דער באשעפער גערוט פון וועלט באשאף. בגדי שבת איז אן עדות. די נרות, דער כוס של קידוש, דאס אלעס זענען עדיות. איז עס נישט א שאד אז עס ווערט נישט אויסגענוצט?

בשעת דו קומסט צום שבת טיש און דו זעסט צוויי חלות - עס איז דא א ווייסע חלה דעקל אויף די חלות און א ווייסער טישטוך אונטער די חלות, פונקט ווי די מן וואס איז געלעגן צווישן צוויי שיכטן פון ריינע ווייסע טוי. טו עס נישט ווי מצוות אנשים מלומדה, פון געוואוינהייט. זיי זענען דא פאר א ציל; אז דו זאלסט טראכטן פון די מן.

גיי נישט סתם אזוי צום טיש אן צו טראכטן וואס עס קומט צו צייגן. דערמאן זיך, ס'איז צוויי חלות; לחם משנה, די דאפלטע פארציע וואס איז אראפגעפאלן ערב שבת. עס זענען דא אזויפיל געוואלדיגע לערעס וואס די מן קומט אונז לערנען - מיר וועלן נאך רעדן דערפון איין טאג - און דערפאר מאכן מיר זיכער אז ביי יעדע סעודת שבת האבן מיר דאפלטע ברויט. דו זעצסט זיך אראפ צו די סעודה מיט צוויי חלות, ווייל עס דארף אריינלייגן לערעס אין דיין קאפ אויף אייביג.

## תפילין עדות

למעשה, מיט דעם האבן מיר נאר אנגעהויבן די נושא ווייל די עדיות פון די תורה זענען ענדלאז. איך וועל נעמען א מינוט צו צולייגן נאך אפאר מצוות, צו געבן א ביישפיל פאר די וועלכע זענען פעאיג צו קוקן און אנטדעקן, וואס עס ליגט אלץ אין די מצוות וואס מיר טוען.

תפילין! די פסוקים זאגן אונז קלאר אז די מצוה פון תפילין איז אונז געגעבן געווארן צו דערמאנען אז דער באשעפער האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים און אז מיר זענען זיינס אויף אייביג. פון יענעם טאג און ווייטער דארפן מיר נאכאנאנד האלטן די רייד פון זיין תורה אין אונזער מויל צוליב אונזער הכרת הטוב צו אים. כאטש אינעם מינוט ווען דו טוסט עס אן, טראכט פון די לערע דערפון. אודאי, עס שאדט נישט צו טראכטן פון די תפילין אויך שפעטער, בפרט ווען דו זאגסט קריאת שמע.

אבער עס איז נישט באגרעניצט בלויז צו די פאר מינוט אין טאג. סיי ווען דו זעסט א פאר תפילין, א תפילין בייטל, ווערסטו שטענדיג דערמאנט ווערן פון וואס די תפילין דארפן דיר דערציילן. נישט נאר מענער - אויך פרויען. איר זעט אייער מאן אדער אייער זון נעמען זיינע תפילין און זיך איילן צו גיין אין שול, דערמאנט זיך וואס איר באדייט איז.

## פסח און סוכות

די מצה, די מרור, די פסח'דיגע געשיר - ס'איז דא אזויפיל פון וואס צו טראכטן. די מצה דארף אויסגענוצט ווערן. זייער גוט אז די מצה ווערט געבאקן מיט אזא פארזיכטיגקייט, מיט השגחה, מיט אזעלכע דקדוקי מצוה. וואונדערבאר! אבער יעצט אז אלעס איז געטון געווארן, וואס באדייט די מצה? די מצה ליגט אויפ'ן טיש, ס'איז אן עדות אונז צו דערמאנען צו טראכטן פון געוויסע יסודות.

ווען דו גייסט אריין אין די סוכה, דערמאנט עס דיר פון עפעס. אאאה, וואספארא הערליכע סוכה! דו לייגסט אריין אסאך ארבעט אין די סוכה און דו פרעגסט שאלות פון דיין רב, "איז די סכך כשר? איז דער וואנט כשר?" אלעס איז שוין גוט און יעצט זיצטו און דיין פאמיליע ארום דעם טיש אין די סוכה און עס איז אפילו באצירט מיט שיינע נוי סוכה. ס'איז הערליך! אבער וואס איז דער באדייט פון דאס אלעס? וואס איז דער באדייט פון די סוכה? עס שטייט גראד ארויסגעשריבן אין די תורה - די סוכה קומט אונז דערמאנען די ניסים וואס דער באשעפער האט געטון מיט אונז אין מדבר. **כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם.**

דו האסט קיינמאל נישט אריינגעטראכט אין דעם? אאה, דאס איז א שאד. מאך זיכער אין דעם קומענדיגן סוכות צו טראכטן דערפון. יעדע מאל דו גייסט אריין אין די סוכה ווערט דיין מח אינגאנצן אן אנדערע מח. דאס איז דער ציל פון די מצוה; דאס איז ווי אזוי די מצוה ווערט ווי א געווער אין די הענט פון א איד - דורך טוישן דיין פערזענליכקייט, דורך איבערטוישן דיין מח.

## די באהאלטענע תורה

מיר רעדן אצינד איבער א ספעציפישער חלק אין די תורה - מיר וועלן עס אנרופן די פנימיות התורה, די טיפקייט פון די תורה. איך ווייס אז עס זענען דא מענטשן וואס וועלן זאגן אז עפעס אנדערש איז פנימיות התורה אבער נישט דאס וועט זיין אונזער נושא פון אונזער שמועס דא; פאר אונזערע צילן וועלן מיר רעדן איבער די אינערליכע געביטן פון די תורה ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין די מצוות עדיות.

עס איז אמאל געווען א שטארקע געוואוינהייט ביי אידן זיך צו פארטיפן אין די טעמים פון די מצוות. אודאי די מצוות וואס זייערע טעמים זענען קלאר

אדער זענען אויס גרינג צו פארשטיין זענען געלערנט געווארן באריכות אבער אפילו אנדערע מצוות וואס ווערן אנגערופן חוקים, ווייל זיי זענען אויס צו זיין פארהוילענע געבאטן וואס מ'קען נישט פארשטיין דעם טעם, אויך זיי זענען דורכגעטון געווארן. בלויז צו דערמאנען איין פאל; אויב לערנט איר דעם רמב"ם'ס ספרים וועט איר זען אז ער האט געמאכט פיל פרואוואונגען ארויסצונעמען די פארבארגענישן פון די חוקים - ער האט פראבירט צו פארשטיין זייער באדייט אין דעם פראקטישסטן וועג.

אבער ווען עס קומט צו די מצוות עדיות איז נישטא קיין שאלה אז זיי זענען דורכגעלערנט געווארן מיט זייער באדייט - דורכאויס אונזער היסטאריע זענען אלעמאל געווען מענטשן אין אונזער פאלק וועלכע האבן געוואלט פארדינען נישט בלויז דורך טון די מצוות, נאר זיי האבן געוואלט ארויסנעמען די אינערליכע לערעס פון די תורה, די באהאלטענע מדריגות. "ס'איז נישט גענוג צו טון די מצוות איבערפלעכליך," האבן זיי געזאגט. און דערפאר האבן זיי אוועקגעגעבן צייט דורכצולערנען די אלע לערעס.

## נישט גיין איבער די מאס

אבער מאכט נישט קיין טעות, ווי אזוי אומצוגיין דערמיט. דאס איז א זייער זייער וויכטיגער ענין, דאס איז וואס דער באשעפער וויל בעיקר פון די מצוות, נאר וואס האט פאסירט? געוויסע מענטשן האבן דאס געטון איבער די מאס. עס זענען געווען פילאזאפן, דענקערס, וועלכע האבן אזוי שטארק געוואלט דרש'נען די לערע צו די מאַסן אז צומאל, צוליב זייער באגייסטערונג אין דעם, האבן זיי צו שטארק געלייגט דגוש אויף די פנימיות, די אינערליכע באדייט פון די מצוה, און טייל פון זייערע צוהערער האבן אנגעהויבן טראכטן אז אויב דער ציל פון די מצוה איז צו אויסלערנען א געוויסע מידה, א געוויסע השקפה, דאן קען מען אינגאנצן מוותר זיין אויף די דרויסנדיגע מעשים דערפון. געוויסע מענטשן האבן אנגעהויבן זאגן, "פארוואס זאלן מיר קויפן פארמעט און אויפנעמען א סופר צו שרייבן די פרשיות - עס קען דאך קאסטן זייער טייער - דער עיקר איז דאך די פנימיות."

דאס איז א טענה וואס געוויסע מענטשן האבן געזאגט און דערפאר זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן אנגעהויבן נאכצולאזן פון די מצוות - עס איז אויפגעקומען אזא סארט צוגאנג צווישן א קליינע צאל אידן אז די פעולה איז נישט אזוי וויכטיג און מ'קען מוותר זיין אויף די מצוה אליין.

## נאכלאזן די באהאלטענע תורה

לאמיר נעמען צום ביישפיל א מזוזה. זיי האבן געזאגט אז, אויב דער טעם שטייט אפן אין די תורה, צו געדענקען דעם באשעפער, איז ווילאנג מיר געבן אוועק יעדן טאג א האלבע שעה צו טראכטן איבער די לערע אז ה' אחד און אז דער באשעפער געבעט אכטונג, דאס איז בעסער ווי צו האבן א מזוזה און קיינמאל נישט טראכטן פון באשעפער. פארוואס זאל מען פארשווענדן געלט פאר דעם האלטער, דער דרויסנדיגער צודעק, ווען דער אמת'ער ציל איז די פירות? דאס איז געווען זייער טענה.

דער אמת איז אז ס'איז א גרויסער טעות. ס'איז א טעות צוליב פיל טעמים אבער איינער פון די וויכטיגסטע איז אז עס איז דער סדר פון די תורה צו צושטעלן געוויסע פיזישע געגנשטאנדן צו דינען אלס דערמאנערס; צו עדות זאגן אויף געוויסע שטארקע יסודות. און דער באשעפער וויל מיר זאלן ניצן די געגנשטאנדן ווייל ווען דו טוסט זיך איינגעוואוינען צו פארבינדן געוויסע השקפות צו א חפץ, ווייסט דער באשעפער אז דאס איז דער בעסטער אופן דו זאלסט איינקריצן די השקפות אין דיין פערזענליכקייט - ווי איך האב פריער ערקלערט, דער וואס האט געמאכט דעם נסיון ווייסט דער בעסטער ווי אזוי צו ארויסגיין מיט א נצחון.

אבער צוליב די טועים, צוליב די וועלכע האבן געמאכט דעם טעות פון טראכטן אז די פנימיות איז גענוג, איז ארויסגעקומען א פארקערטע רעאקציע און אידן האבן אנגעהויבן זאגן, "פארגעס פון פילאזאפירן. איר זעט וואס פאסירט ווען מ'טוט פילאזאפירן; ווען דו טראכסט נאר פון די לערע פון די מצוות, ווערן די מצוות אליין נאכגעלאזט. דערפאר, לאמיר זיך קאנצענטרירן בלויז אויף די מעשים. לאמיר באטאנען די וויכטיגקייט פון טון די מצוה און דאס אלעס."

און דאס איז פארוואס ס'איז געווארן א מהלך ביי אידן נישט צו פילאזאפירן - דאס אידישע פאלק לייגט אריין אלע אירע פעאיגקייטן אין לערנען די טעכנישע חלקים פון די מצוות; פונקטליך ווי אזוי זיי אויסצופירן מיט אלע דרויסנדיגע טיילן איז געווארן דער אינטערעס פונעם פאלק - א הייליגע פאלק פון מדקדקים במצוות. ס'איז א נחת צו זען!

## וויסן ווי איין און ווי אויס

פונדעסטוועגן לערנען מיר אצינד אז ס'איז א גרויסער פארלוסט אין נאכלאזן דעם יסוד פון פנימיות פון די מצוות. איר ווייסט, טראץ דעם פאקט אז טייל מענטשן זענען צו שטארק צוגעבינדען צו אטעמען פרישע לופט - טייל מענטשן זענען צוגעבונדן צו פרישע לופט אפילו אינמיטן ווינטער, זיי עפענען פענסטערס ווען זיי לייגן זיך שלאפן און אינמיטן די נאכט ווערן זיי פארקילט. זיי וועקן זיך אויף אינדערפרי און זענען קראנק.

אבער נאר דערפאר וואס טייל מענטשן גייען איבער די מאס מיינט עס נישט אז צוליב דעם זאלן מיר זיך אינגאנצן פארמיידן פון פרישע לופט; דאס מיינט נישט אז פרישע לופט איז שלעכט. מ'דארף נאר וויסן ווי איין און ווי אויס - מ'דארף וויסן ווי אזוי עס צו ניצן.

און דערפאר איז וויכטיג מיר זאלן זיך צוריקקערן צו אונזער לערע - אייגנטליך די לערע פון פנימיות התורה. דאס איז ווי אזוי די קדמונים, די פריערדיגע גדולים האבן געטון א מצוה. זיי האבן פארשטאנען אז דער תכלית פון אונזער לעבן איז צו ווערן איבערגעטויטשט דורך די מזוזה און די תפילין און די סוכה און די מצה און דורך אלע אנדערע מצוות, און זיי האבן עס מקיים געווען מיט די כוונה דערפון. און ס'איז א שאד אז מיר זאלן טון די מצוות וואס דארפן אונז אנדערש מאכן און אנשטאט דעם טוען מיר עס בלויז ווי מעכאנישע פעולות; זיי זענען נאך אלץ מצוות אבער זיי ערפילן נישט די עיקר כוונה פון דעם באשעפער וואס האט אונז דאס באפוילן.

# חלק ג. ניצן די געוויער

## רעדן און זאגן

אלזא, פון אלע מצוות עדיות, פון אלע געוויער וואס זענען אונז געגעבן געווארן, איינע פון די וועלכע טוען די מערסטע ענטהאלטן, טרעפט מען אין די היינטיגע פרשה. דער באשעפער האט געזאגט צו משה רבינו, **דַּבֵּר** - רעד, **אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** - צו די אידישע קינדער, **וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִת** - און זאג צו זיי די מצוה פון ציצית (שלח טו:לח). למעשה, דאס איז אן אינטערעסאנטער אופן פון רעדן - "רעד צו זיי און זאג צו זיי" - עס ליגט אין דעם א וויכטיגער דערהער.

מיר וועלן דאס ערקלערן אזוי: **דַּבֵּר** - רעד; דאס מיינט די פעולה פון פראקלאמירן. **וְאָמַרְתָּ**, פון צווייטן זייט, גייט ארויף אויף דעם רעדנער'ס כוונה; זיינע מחשבות און געפילן - די פנימיות.

דער באשעפער האט געשיקט משה צו די אידן נישט נאר צו **דַּבֵּר**, צו רעדן איבער די מצוות בכלליות, נאר אויך, **וְאָמַרְתָּ** - זיי צו זאגן; דאס מיינט צו ערקלערן פאר זיי דעם באשעפער'ס כוונות; צו ערקלערן דעם טעם פון די ציצית און דער וועג ווי אזוי צו גענישן פון די פארדינסטן פון די מצוה. ס'איז נישט גענוג אז דאס פאלק זאל טראגן ציצית; די לערעס פון די ציצית דארפן געברענגט ווערן נאנט צו די מענטשנ'ס מחשבות און געפילן, ווייל נאך אלעם איז דאס דער עיקר טעם פון די ציצית: **וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת ה'** - איר וועט עס זען און געדענקען אלע מצוות פון באשעפער.

## טון פון געוואוינהייט

איך האב אמאל שפאצירט אויפ'ן גאס וואו מען האט געארבעט. בשעת איך בין פארבייגעגאנגען, האט דער איטאליענישער אויפזעער געוויזן אויף מיינע ציצית און געפרעגט, "צוליב וואס איז דאס?" האב איך געענטפערט, "אונז צו דערמאנען," און איך האב געוויזן צום הימל. "אאאה," האט ער געזאגט. ער האט עס פארשטאנען. דער איטאליענישער אויפזעער פארשטייט אז מיר טראגן ציצית אונז צו דערמאנען פון דער וואס געפינט זיך אין הימל.

ס'איז א שאד אז דאס וואס דער גוי פארשטייט ווערט איגנארירט דורך אונז. איר ווייסט, אפילו אויב איך זאל רעדן צו שטודירטע מענטשן, ווייט אוועק לאמיר זאגן אין טולסע, אקלאהאמע, און זיי וואלטן געהערט איבער די ציצית צום ערשטן מאל, איך וואלט ארויסגענומען די ציצית און זיי עס געוויזן, וואלטן זיי עס באוואונדערט. עס וואלט געווען פאר זיי אן אינטערעסאנטע זאך - זיי האבן עס קיינמאל נישט געזען פריער - און עס וואלט זיי באאיינדרוקט.

אבער ווען מיר רעדן צו מענטשן וואס טראגן ציצית איז עס זייער שווער פאר זיי צו לערנען וואס עס מיינט באמת ווייל זיי מיינען אז זיי ווייסן שוין אלעס - זיי ווייסן עס נישט ריכטיג; זיי ווייסן עס מצוות אנשים מלומדה, ווי א געוואוינהייט, אבער זיי מיינען אז זיי ווייסן שוין אלעס דערוועגן.

## ניצן געוואר

אבער דאס קען מען נישט העלפן, ס'איז א פאקט! מיר מוזן לערנען וואס די מצוות באדייטן, אנדערש זענען מיר ווי מענטשן וואס גייען ארויס אין שלאכט אן קיין געוואר. זיכער, מיר טראגן זיי יעדן טאג! אבער אויב א מענטש ניצט זיי נישט - אויב ער האט קיינמאל אין זיין לעבן נישט געקוקט אויף די ציצית און געטראכט פון באשעפער - דאן זאל ער נישט זיין איבערראשט אז עס האט נישט קיין שום השפעה אויף אים. ס'איז ווי מ'זאל אויפהענגען א סאפיסטיקירטער ביקס ארום די נאקעטע לענדן פון דעם ווילדן כוליגאן אין אפריקע; ס'איז כמעט ווערדלאז ווייל ער ווייסט נישט וואס צו טון דערמיט. דאס זעלבע איז צו אנהענגען ציצית אויף איינעם וועמענ'ס קאפ איז ליידיג. אט איז א יונג וואס טראגט ציצית, וואונדערבאר! זייער שיין! אבער ער ווייסט איבער דעם ציל פון די ציצית פונקט ווי א בהמה וואס טראגט ציצית. ער איז פונקט ווי א קליינע קאלב וואס טראגט ארבע כנפות און ווען עס וואקסט אויף ווערט עס א גרויסע אלטע אקס וואס טראגט ציצית.

אודאי פארדינט דער מענטש די מצוה, אבער ער פארדינט נישט דאס וואס איז די כוונה פון די מצוה. למעשה קען זיין אז בדרך סגולה טוט עס עפעס, איך ווייס נישט, ס'קען זיין אז אפילו אן צו פארשטיין ווי אזוי די ציצית ארבעט טוט עס עפעס אויף, אבער די אמת'ע השפעה קומט נאר דורך לערנען ווי אזוי צו מאכן נוצן פון די געוואר.

## זען און געדענקען

חז"ל זאגן אונז (מנחות מג:) אז **שקולה מצוות ציצית כנגד כל המצוות** - צו טראגן ציצית וועגט אזויפיל ווי אלע מצוות אינאיינעם. פרעגט זיך; איז די מצוה פון ציצית טאקע אזוי חשוב ווי אלע מצוות? וואס איז מיט דעם וואס עס שטייט אז תלמוד תורה כנגד כולם?

דער ענטפער איז אז ס'איז שקולה ווייל די ציצית קען דיר דערמאנען פון אלעס. די ציצית איז א מיטל צו געדענקען: **וּרְאִיתֶם אֹתוֹ** - אויב איר קוקט דערויף, **וּזְכַרְתֶּם** - וועט איר געדענקען.

למעשה, דאס מיינט נישט אז ס'איז א מצוות עשה צו קוקן דערויף. איינער פון די ראשונים האלט יא אזוי, אבער מיר פירן זיך לויט די וועלכע האלטן אז עס איז נישטא קיין חיוב צו קוקן אויף די ציצית (זע טור אורח חיים כד), נאר ווען די תורה זאגט **וּרְאִיתֶם אֹתוֹ**, לערנט אונז די תורה אזוי: **וּרְאִיתֶם אֹתוֹ** - ווען איר וועט זען די ציצית, **וּזְכַרְתֶּם** - וועט איר געדענקען. ציצית קען דיר ברענגען צו געדענקען אלעס.

די קדמונים האבן זיך אזוי געפירט - זיי האבן מקשר געווען די ציצית מיט געוויסע געדאנקען. אין די אמאליגע צייטן האט יעדער איד זיך געלערנט ווי אזוי צו ניצן אט די געוואר. יעדן טאג ווען זיי האבן אנגעטון די ציצית האבן זיי געטראכט איבער אן אנדערע מצוה פון די תורה און די ציצית האט דערביי אויסגעפירט איר אויפגאבע פון דערמאנען. ווען מען פארבינדט די ציצית מיט געוויסע געדאנקען ווערט עס א ווירקזאמער געוואר.

## ווייבערישע ציצית

לאמיר זאגן, מארגן אינדערפרי טוסטו אן ציצית און דו קוקסט דערויף און טראכסט, 'איך וועל היינט נישט ווערן אויפגערעגט. כעס איז אן עבירה און דעריבער, היינט ווען איך וועל קוקן אויף די ציצית - נישט נאר מיינע אייגענע; סיי וועמענס - גייט עס מיר דערמאנען נישט צו ווערן אין כעס.' דאס איז שוין א זייער געוואלדיגע דערגרייכונג. אויב דו טוסט אזוי, דאן פון יעצט אן, ווען דו וועסט קוקן אויף די ציצית קענסטו זיך דערמאנען נישט צו ווערן אין כעס.

אצינד די פרויען, זייט נישט אומגעדולדיג. די תורה רעדט אויך צו אייך - די ציצית זענען נישט נאר פאר מענער. **וּרְאִיתֶם אֹתוֹ** מיינט אז יעדער זאל זען די ציצית. די גמרא (מנחות מג.) זאגט, אז א בלינדער מענטש מוז אויך טראגן ציצית ווייל אנדערע מענטשן קענען עס זען. דאס מיינט אז אנדערע מענטשן קענען זיך דערהייבן פון זען א צווייטער מענטש'ס ציצית.

אלזא, אט איז א מאמע פון א שטוב מיט אינגלעך אין הויז און זי זעט נאכאנאנד די אינגלעך'ס ציצית; אויב פארשטייט זי אז דאס איז פאר איר אויך, וועט זי שטייגן העכער און העכער יעדע מאל וואס זי זעט זיי. צומאל קען זיין אז איר מאן און אירע קינדער טראכטן גארנישט בכלל אבער זי טראכט פון דעם באשעפער'ס מצוות יעדע מאל וואס זי זעט די ציצית און זי איז קונה מער ווי זיי, ווייל דאס איז דער טעם פון די עדות פון ציצית.

## איין מצוה אויפאמאל

זייענדיג אין אייראפע בין איך אמאל פארבייגעגאנגען א פלאץ וואו אידישע גלעזערס האבן אינסטאלירט פענסטערס אין א הויכער בנין. זיי זענען געשטאנען אויבן פון די געביידע און ארייגעשטעלט די גלאז, בשעת זייערע לאנגע ציצית האבן זיך געוויגט מיט'ן ווינט. איך בין דארט אריבער און באטראכט זייערע ציצית און איך האב געטראכט, 'די ציצית דערמאנען אונז אז מיר זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים.'

איר זאלט דאס אמאל פראבירן - קומענדיגע מאל וואס דו טוסט אן די ציצית אדער דו זעסט איינעמ'ס ציצית, טראכט אז דאס דארף דיר דערמאנען צו אינזין האבן דאס אז דער אלמעכטיגער האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים.

טריט ביי טריט פראקטיצירסטו צו מקשר זיין די ציצית מיט יציאת מצרים. דאן, נאך וואס דו ביסט שוין גוט באפעסטיגט מיט דעם, וועסטו נעמען נאך א מצוה און עס פארבינדן מיט די ציצית. לאמיר זאגן, 'איך קוק אויף מיינע ציצית און איך דערמאן זיך אז דער באשעפער האט געזאגט אז מיר זאלן זיין געווארנט מיט שעטנז'; אויב האסטו א וואלענער מלבוש מאך זיכער אז עס האט נישט קיין הינטערשלאק פון לייוונט ווייל דאס איז שעטנז. נאך א שטיק צייט וועסטו איינגעוואוינט זיך צו דערמאנען פון שעטנז ווען דו קוקסט אויף דיינע ציצית.

דערנאך, טראכט פון ואהבת לרעך כמוך, אז דו דארפסט ליב האבן א צווייטן איד. א איד וואס היט די מצוות, ער איז דיין ברודער און דו דארפסט אים ליב האבן. אויב היט ער נישט קיין מצוות דאן איז ער נישט דיין ברודער אבער ווילאנג ער איז אחיך במצוות, וועמען גייט אן אויב ער איז אן אונגארישער אדער ליטווישער אדער סירישער; וועמען גייט אן פון וואו ער איז געקומען, אדער אפילו אויב ער איז א שווערער מענטש, דארפסטו אים ליב האבן. און דורך קוקן אויף די ציצית, קענסטו זיך טרענירן צו דעם גאנג.

## די ציצית וועגן שווערער

אויב וואוינסטו אין א פלאץ ווי אין בארא פארק אדער מאה שערים, האסטו

ענדלאזע געלעגנהייטן ווייל עס געפינען זיך דארט גוטע אידן און דו ווערסט זען ציצית וואו אימער דו גייסט. פון צייט צו צייט ווען דו זעעסט ציצית ארויסהענגען פון איינעם'ס מלבושים, דערמאן זיך פון זייער ציל דערביי. טראכט, 'וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹקֵיכֶם - מיר זענען א הייליגע פאלק! מיר זענען נישט א פאלק וואס ערלויבט אוממאראלישקייט.' דאס אידישע פאלק האט פיינט סיי וואס עס שמעקט מיט אומווערדיגקייט; סיי וואס איז נישט איידל, וואס איז נישט אנשטענדיג, איז פרעמד פון אונזער נאטור. און אויב זענען דא אידן וועלכע זענען שטיצערס צו זינדיגע מעשים, ווי רעכטן אויף אומווערדיגע פירונגען און אזעלכע זאכן, איז עס נאר ווייל זיי זענען קרבנות צו די גוים. אין נאטור האט א איד פיינט אוממאראלישקייט!

דו זעעסט ציצית? דאס דערמאנט דיר - באזוך קיינמאל נישט אין א הויז אויסער אויב דער מאן איז דארט אנוועזנד. לאזט קיינמאל נישט אריין א מאן ביי אייך אין שטוב אויב אייער מאן איז נישט אינדערהיים. גלייבט מיר ס'איז ווערד אז א איד זאל טראכטן ווען ער זעט ציצית אז ער קען קיינמאל נישט זיין אליין מיט א פרוי.

האלט דאס אין איין טון און נאך א שטיק צייט וועט דיר די ציצית דערמאנען פון דעם איסור פון יחוד און פון יציאת מצרים און שעטנז און עס וועט דיר דערמאנען צו ליב האבן דיין ברודער און זיך פירן מיט איידלקייט. צוביסליך וועסטו צוגעבן מער און מער באדייט צו די ציצית, ביז ס'וועט וועגן שקולה כנגד כל המצוות.

## גיין שטאפלווייז

אודאי זאלט איר נישט פראבירן צו טון אלעס אויפאמאל, נאכ'ן לערנען יעצט דערוועגן, אבער דאס איז היימארבעט פאר אייך - איר דארפט מאכן השתדלות צו מקשר זיין די מצוות מיט די ציצית ווייל ס'וועט נישט פאסירן פון זיך אליין. אבער איינמאל איר מאכט אפ ביי זיך אז דאס איז וואס איר ווילט טון, דאן הבא לטהר מסייעין לו. פראקטיצירט עס יעדן טאג און צוביסלעך וועט איר קומען צו אזא שטאפל אז ווען איר וועט זען איינעם טראגן ציצית - און יעדער איד טראגט - איז **וּרְאִיתֶם אֹתוֹ**, איר זעט עס, **וּזְכַרְתֶּם**, און איר וועט געדענקען, **אֶת כָּל מִצְוֹת ה'**, אלע באפעלן פון באשעפער.

אצינד, איך פארשטיי אז איר זענט פארנומען אין לעבן איז באלד ווי איר וועט אוועקגיין פון דעם שיעור וועט איר פארגעסן פון די זאכן, איך זאג אייך. **די מלחמה חזקה שנמצאת המלחמה אליו פנים ואחור** טוט באוועלטיגן און אייערע מחשבות זענען באלאדנט מיט אלעס אנדערש אויסער די וויכטיגע זאכן. אבער דאס איז פונקט פארוואס מיר ברויכן די געווער פון מלחמה - זיי זענען אונזער טרייסט, אונזער וועג צו נצחון.

אלזא, נישט קיין חילוק וויפיל שטחים איר האט שוין אויפגעגעבן אויפ'ן שלאכטפעלד, זענט איר יעצט אויסגעשטאט צו קענען צוריק קונה זיין די שטחים. און אפילו אויב ביים שלאכט טוט פארזעצן צו אראפפליען האגל און קוילן, מאכט נישט אויס! א סאלדאט וואס גייט אריין אין מלחמה און באקומט א וואונד זאגט נישט, "אוי, אלעס איז אומזיסט. איך קען שוין, אויב אזוי, באקומען א קויל אין קאפ און געענדיגט." אה ניין! ער וועט טון זיין בעסטע צו פארזעצן קעמפען ווייל ווילאנג ער לעבט, ווילאנג ער אטעמט נאך, האט ער נאך די געלעגנהייט צו ווערן אויסגעהיילט און זיך שלאגן ביז דער זיגרייכער סוף.

דער אמת איז, אז קיינער פארבלייבט נישט אן קיין וואונדן אין דעם שלאכט. **אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא** - ס'איז נישטא קיינער וואס מאכט נישט קיין טעותים (קהלת ז:כ). אבער ס'איז נישטא קיין מצוה צו ארומגיין זאמלען וואונדן. מען הייבט זיך אויף און מען זעצט פאר זיך צו קעמפען.

## זייט א העלד

פונקט ווי ביי א וועלטליכע מלחמה, ווען א סאלדאט קומט צוריק פון מלחמה וויל ער באווייזן זיינע וואונדן צו זיינע פריינט; ער וויל ווייזן אז ער איז א שלאכטפעלד-באטראפענער סאלדאט, אז ער האט זיך געקריגט אין מלחמה און איבערגעלעבט, די זעלבע זאך איז ביי אונזער מלחמת היצר.

דאס אלעס איז פיין ווילאנג דו ניצט די געווער וואס מ'האט דיר געגעבן. ווילאנג מיר דערקענען די מלחמה געווער וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן און מיר ניצן זיי די מערסטע וואס איז שייך, וועלן מיר בלייבן לעבן - מיר וועלן בלייבן לעבן אויף ביידע וועלטן.

און דערפאר דארפן מיר נעמען אין באטראכט ווי גרויס איז אונזער אויפגאבע מיט די מצוות עדיות וואס מיר האבן און אנהייבן זיך צו איינגעוואוינען צוביסליך צו מאכן די מצוות מער באדייטפול.

ווייל דאס איז דער סדר פון די תורה. די 'עדיות' זענען א גרויסן טייל פון די תורה און יעדע איינע פון די עדיות ווערט לעבעדיג אויב מ'ניצט עס ריכטיג. און ווייל אונזער טאג טעגליכער לעבן איז פול מיט אזעלכע געלעגנהייטן, איז דאס איינע פון די סודות ווי אזוי צו דערגרייכן צו הצלחה אין עבודת ה' - דורך ניצן די מלחמה געווער צו דאס פארוואס עס איז אונז געגעבן געווארן, ווייל דאס איז דער וועג צו נצחון.

**שאלות ותשובות** - מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**אויב א איד בענטשט א צווייטן איד, איז עס א תפילה?**

## תשובה:

עס ווענדט זיך. אויב ער זאגט עס בלויז אלס א פארמאליטעט, בלויז צוליב מענטשליכקייט, דאן איז עס דאס - א פארמאליטעט. ס'איז א וועג פון מכבד זיין יענעם. פון צווייטן זייט, אויב האט ער שכל עס צו ניצן אלס א תפילה, דאן איז עס זייער א גוטע אינוועסטירונג.

אלזא, לייגט צו קאפ. איינע פון די בעסטע זאכן אין די וועלט איז צו בענטשן א צווייטן איד. דער באשעפער האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו, **ואברכה מברכך** - איך וועל בענטשן די וועלכע בענטשן דיר.

איך וועל דאס ערקלערן. נומער איינס איז, אז מיר דארפן וויסן אז דער באשעפער איז **אוהב עמו ישראל** - דער באשעפער האט ליב אידן. נישטא קיין ספק אין דעם. ער האט ליב אידן מער ווי סיי וואס אין די גאנצע וועלט. האט נישט מורא דאס צו זאגן. די גאנצע תורה רעדט בלויז איבער די איינע טעמע - דער באשעפער האט ליב אידן! אוהב עמו ישראל. איז אויב האט איר ליב א איד גענוג אויף צו געבן אים א גוטע ברכה, וועט דער באשעפער דיר זיכער ליב האבן דערפאר.

אבער אין צוגאב, עס איז דא א ברית, א בונד וואס דער באשעפער האט געמאכט מיט אברהם. ער האט געגעבן זיין הבטחה צו אברהם אבינו, **ואברכה מברכך** - איך וועל בענטשן די וועלכע בענטשן דיר. איז אויב דו ווינטשסט פון הארצן א צווייטן איד אז ער זאל מצליח זיין, אז ער זאל זיין געזונט, האט דיר דער באשעפער גאר שטארק ליב אין יענעם מאמענט! איינע פון די בעסטע זאכן וואס א איד קען טון איז צו בענטשן אנדערע אידן.

איז אויב זאגט איר "א גוט מארגן" צו אייער שכן בלויז אלס א פארמאליטעט, איז דאס איז וואס עס איז - א באגריסונג. אבער אויב איר לייגט צו מחשבה דערצו, דאן ווערט עס א תפילה, א ברכה.

איז ווען איר גייט פארביי א הויז מיט א גרויסע מזוזה, נעמט אראפ א האלבע מינוט און ווינטשט זיי אז אין די הויז זאלן אלע לעבן לאנג, זיי זאלן שעפן נחת פון זייערע קינדער, זיי זאלן האבן פרנסה בריווח און מאכן שמחות. ווי מער איר קענט זאגן, וועט זיך עס אומקערן אלס דיין אייגענע פארדינסט. ס'איז פאר דיין אייגענע פארדינסט צו בענטשן אידן ווי ווייט איר קענט.